# די דאַמע מיטן הינטל

(מאָטיוו פון ס. מאַרשאַק)

מיט אַ גרויסן באַגאַזש
קומט אַ דאַמע צום באַן.

אַ קערבל,
אַ קעסטל,
אַ קליין טשעמאָדאַן,
אַ פעקל,
אַ זעקל,
אַ פודעלע גרויס, ווי אַ פינטל,
און אַ קליין הינטל.

ט'דאָס גענומען אַ מענטש מיט אַ בלעך אַפן היטל
און ט'געגעבן אַ גרינעם, געשטעמפלטן קוויטל.

די באַן גיט אַ פייף
און נעמט פאָרן,
און דאָס הינטל —
אַ ביל
און אַ שפרונג,
און פאַרלאָרן.

ווערט אַ גרויסער קוראַזש,
און מען ציילט דעם באַגאַזש:

אַ קערבל,
אַ קעסטל,
אַ קליין טשעמאָדאַן,
אַ פּעקל,
אַ זעקל,
אַ פּודעלע גרויס, ווי אַ פּינטל —
נאָר וואו איז דאָס הינטל ?

דערווייל שטייט אַ הונט,
אַ גרויסער, אַ בייזער,
אַ פּוד מיט אַ פונט.

מען גיט אים אַ נעם,
און אַ יאָג,
און אַ טראָג אַפן באַן
צום קערבל,
צום קעסטל,
צום קליין טשעמאָדאַן,
צום פּעקל,
צום זעקל,
צום פּודעלע גרויס, ווי אַ פּינטל,
אַפן אָרט פון דעם הינטל.

פאַרהאַקט
און פאַרפאַקט
און מען פאָרט.
דריי נעכט
און דריי טעג
אַלץ אין וועג.

דערנאָך קומט די דאַמע צו גיין מיט אַ ראַש:
— גיט אַהער מיין באַגאַזש!

אַ קערבל,
אַ קעסטל,
אַ קליין טשעמאָדאַן,
אַ פעקל,
אַ זעקל,
אַ פּודעלע גרויס, ווי אַ פינטל,
און אַ קליין הינטל!

גיט אַ שפרונג אַפן קאָפּ איר אַ הונט,
אַ גרויסער,
אַ בייזער,
אַ פּוד מיט אַ פונט.

גיט די דאַמע אַ קוויטש:
רויצייעך, אָט דאָס איז מיין הונט?
אָט האָב איך אַ קוויטל . . .

זאָגט דער מענטש אין דעם היטל:

— שאַ, שטילער, מאַדאַם,
דריי נעכט
און דריי טעג
ביסט געוועזן אין וועג,
איז דאָס הינטל קאָנאַהאָרע געוואָקסן
און געוואָרן אַ הונט,
אַ פּוד מיט אַ פונט.